


**טאַטע, איך וויל דיר פֿרעגן די פֿיר קושיות?**

https://www.youtube.com/watch?v=sirOW0FxiGc

| **מה נשתנה?** | פֿאַר וואָס איז אַנדערש? |
|---|---|
| הלילה הזה | די נאַכט פֿון פסח |
| מכל הלילות | פֿון די אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר? |
| | |
| **די ערשטע קשיא איז:** | |
| שבכל הלילות | אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר |
| אנו אוכלין | עסן מיר |
| חמץ ומצה | ווילן מיר, עסן מיר חמץ ווילן מיר, עסן מיר מצה |
| הלילה הזה | די נאַכט פֿון פסח |
| כלו מצה | עסן מיר נאָר מצה. |

| **די צווייטע קשיא איז:** | |
|---|---|
| שבכל הלילות | אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר |
| אנו אוכלין | עסן מיר |
| שאר ירקות | אַלע סאָרט גרינס |
| הלילה הזה | די נאַכט פֿון פסח |
| כלו מרור | עסן מיר נאָר מרור. |

| **די דריטע קשיא איז:** | |
|---|---|
| שבכל הלילות | אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר |
| אין אנו מטבילין אַפילו פעם אחת | טונקען מיר נישט איַין אַפילו איין מאָל נישט |
| הלילה הזה | די נאַכט פֿון פסח |
| שתי פעמים | טונקען מיר איַין צוויי מאָל: איין מאָל כרפס אין זאַלץ-וואַסער און איין מאָל מרור אין חרסת. |

| **די פֿערטע קשיא איז:** | |
|---|---|
| שבכל הלילות | אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר |
| אנו אוכלין | עסן מיר |
| בין יושבין ובין מסובין | סיַי זיצנדיק, סיַי אָנגעלענגט |
| הלילה הזה כולנו מסובין | די נאַכט פֿון פסח זיצן מיר אַלע אָנגעלענגט אויף דער לינקער |




| | |
|---|---|
| | זײַט. |

**טאַטע לעבן, ענטפֿער מיר אַ תּירוץ אויף די אַלע פֿיר קושיות!!**

https://www.youtube.com/watch?v=I64oIkomBjE

## מה-נשתּנה יום-טובֿ סוכּות

פּסח בײַ נאַכט האָט דער רב צבֿי-הירש לוין געהאַט אַן אָנגעזעענעם גאַסט, דער גובערנאַטאָר פֿון דער שטאָט בערלין. שולחן-עורך, אַלע זענען געזעסן אַרום דעם טיש. אויפֿן טיש איז געלעגן דאָס יומטובֿדיקע געשיר און די געשמאַקע יומטובֿדיקע מאכלים.
דער גאַסט האָט זיך אַרומגעקוקט און געפֿרעגט:

- איך פֿאַרשטיי נישט וואָסער שׂכל ליגט אין אײַערע ריטואַלן. סוכּות ווען איר פֿאַרלאָזט אײַער דירה מיט אירע באַקוועמלעכקייטן, שטופּט זיך אַרײַן אין אַן אײַנפֿאַלנדיקע שמאָלע בודקע, פֿרעגט דאָס קינד אויף דעם נישט "מה-נשתּנה", און איצט ווען איר זעצט זיך ברייט, בניחא פֿרעגט דאָס קינד "מה-נשתּנה".
- האָט אים דער רבֿ געענטפֿערט:
- איך וועל אײַך געבן צו פֿאַרשטיין: אַ ייִדיש קינד לעבט אַ גאַנץ יאָר מיט אַן אומזיכער געפֿיל, צוליב דעם פֿרעגט ער נישט קיין קושיות. קומט צו גיין דער יום-טובֿ פּסח, ווען אַ ייִד בײַם סדר פֿירט זיך ווי אַ בן-מלך, דעמאָלט דערוועקן זיך בײַ אים די קושיות, "מה-נשתּנה הלילה הזה מכּל הלילות"?.



רבֿ צבֿי-הירש (הערשל) לוין  תּפ"א, 1721 - תּק"ס, 1800, רבֿ פֿון בערלינער קהילה